בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶ סְפָרִים זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל וֶוערְן מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב, אִיךְ קֶען זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אוֹיס אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים. וֶועלְכֶע סְפָרִים זֶענֶען דָא אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן וֶועלְכֶע סְפָרִים זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

הֵייבּ אָן מִיטְ׳ן לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת; דִי סְפָרִים וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דֶערִין גְרוֹיס חִיזוּק אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מַיין אִיךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שכ): ״כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּית אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה״, וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

דו קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צו וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיר נִישְׁט; וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פוּס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר - אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר 'אַשֶׁר בַּנַּחַל'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז אוֹיף אַ פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ. אַזוֹי וִוי מֶען צֶעדְרִיקְט אַן עֶפְּל פַאר אַ קִינְד וָואס קֶען נָאךְ נִישְׁט עֶסְן קַיין גַאנְצֶע עֶפְּל, אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן - צֶעדְרִיקְט אוּן צֶערִיבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת וְכוּ', אַז מִיר זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן אוּן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריִקְייטְן; פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס וֶועסְטוּ הָאבְּן הִתְחַזְקוּת אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיז צוּ לַאנְג אוּן פַארְצְוַוייגְט אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, אָבֶּער מַמָּשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל קֶען אִיךְ אַזוֹיפִיל שְׁרַייבְּן אַז אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וְוִי אַ מְצוֹרָע וֶועמֶען מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן מִיט צְוֵויי יָאר צוּרִיק צוּ אַ נַייעֶ גֶעגְנְט, אָבֶּער קֵיינֶער דָארְט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, נִישְׁט אִין גַאס אוּן נִישְׁט אוּן שׁוּל, קוֹים וָואס אֵיינֶער גְרִיסְט מִיר אַמָאל.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער בַּיְישָׁן, סַיי פוּן נַאטוּר אוֹיס אוּן סַיי ווייל מֶען הָאט מִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט אוֹיף שְׁטִיקֶער.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס.

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּישְׁט זִיךְ אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אֵיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט, מֶען קוּקְט אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּיְישָׁן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִסָרוֹן צוּ זַיין אַ שֶׁעמֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ; בַּיְישָׁנוּת אִיז אַ אִידִישֶׁע מִידָה, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי זֶענֶען "בַּיְשָׁנִים", שֶׁעמֶעדִיג; נָאךְ זָאגְן אוּנְז חַזַ"ל (נְדָרִים כ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, כ): "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", זוּ בּוּשָׁה, "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", - מְלַמֵּד שֶׁהַבּוּשָׁה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא", וֶוער עֶס הָאט דֶער מִידַת הַבּוּשָׁה וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ קֵיין זִינְד.

אֱמֶת, דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט; עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען הָאט דִיר גֶעטוּן, מֶען הָאט דִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט, צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דַיין הַצְלָחָה לִיגְט אִין דַיינֶע הֶענְט. אַז דוּ

וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר דִי אֱמוּנָה; דוּ וֶועסְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס זֶענְט אִיר חוֹשֵׁד בָּחוּרִים אַז זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעלֵיינְט אִין אֵיין בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט פַאר אַ טַאטֶע אַז עֶר זָאל קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף זַיין בָּחוּר, עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זַיין זוּן רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה 'אַזוֹי ווי רוֹב חֲסִידִישֶׁע בָּחוּרִים רֶעדְן'.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דָאס גֶעבְּן מֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אִיז דָאס טַאקֶע דֶער בְּלִיק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף יֶעדֶע גְרוּפֶּע חֲסִידִישֶׁע בָּחוּרִים אַז רוֹב פוּן זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה? אִיךְ מֵיין נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, אָבֶּער דִי בְּרִיוו גֵייעֶן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, קוּמְט זִיךְ טַאקֶע אַזַא טִיטְל פַאר חֲסִידִישֶׁע יְשִׁיבָה בָּחוּרִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים גֶעפוּנֶען מִיר זִיךְ אִין אַ צַייט וָואס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן (אֵיכָה ד, א): "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת", טַייעֶרֶע אִידְן, הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וַואלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כֹּל חוּצוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אוֹיף זֵיי גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן; מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי אִינֶעם דוֹר הַמַּבּוּל רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן קֵיינֶער הָאט אוֹיף זֵיי נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת. מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג הָאבְּן צוּטְרִיט צוּ לֵיינֶען אוּן קוּקְן מִינוּת אוּן נִאוּף, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין דֶעם; אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט דֶעם צְוֵויטְן אוּן דֶער צְוֵייטֶער שְׁלֶעפְּט אַרַיין דֶעם דְרִיטְן. קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ (אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען ווֵייסְט נִישְׁט).
~~~~~~~~~~~

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּטוּן מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, דֶערְפַּאר וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ הַשֵּׁם יְרַחֵם. וֶוער עֶס טוּט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים דֶער וֵוייסְט וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים; מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן גָּלוּת. מִיר לִיגְן אִין אַזַא טוּנְקֶעלֶע גָּלוּת, טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַּאלְן אִין עֲבֵירוֹת, בָּחוּרִים וֶוערְן נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן; מֶען אִיז מַכְשִׁיל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן אַ צַדִּיק, אַ מַנְהִיג וָואס זָאל אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז): "מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג", אֵיינֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת, דֶער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין חַס וְשָׁלוֹם בַּעֲווֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אִיז רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין קֵיין עֲבֵירוֹת. ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת, "וְזֶהוּ עִקַּר הָרַחֲמָנוּת, לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, לְהוֹצִיאָם מֵהַמַּשָּׂאוֹי הַכָּבֵד שֶׁל עֲווֹנוֹת", דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אִיז זֵיי הֶעלְפְן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין עֲבֵירוֹת, "כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל מֵאַיִן הֵם לְקוּחִים וְיוֹדֵעַ רוּחָנִיּוּת וְדַקּוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל", ווייל וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס אַ אִיד אִיז, וִוי גְרוֹיס אַ אִיד אִיז אוּן פוּן וואוּ אַ אִיד קוּמְט, "הוּא יוֹדֵעַ, שֶׁיִּשְׂרָאֵל הֵם רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מֵעָוֹן", דֶער וֵוייסְט אַז אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר ווייט פוּן עֲבֵירוֹת, "וְאֵין עָווֹן שַׁיָּךְ לָהֶם כְּלָל כְּלָל לֹא לְפִי גֹּדֶל קְדֻשָּׁתָם מִשָּׁרְשָׁם וְגֹדֶל דַּקּוּתָם וְרוּחָנִיּוּתָם", עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט שַׁיָּיךְ עֲבֵירוֹת פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דֶער אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**קוּק מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דַיין קִינְד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יִישַׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; זֵיי זֶענֶען טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זֶענֶען הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וֶועגְן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּיי מִיר אִיז עֶר בַּאלִיבְּט מֶער וִוי אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער אִיר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים גוּט, עֶר זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר וִוי עֶס טוּט אִים וֵויי אַז אִיר "מֵיינְט" עֶר אִיז נִישְׁט גוּט, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז עֶר זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר.

בְּנוֹגֵעַ זַיין רֵייכֶערְן וְכוּ'; זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים רֵייכֶערְן, אוּן אַז מֶען וִויל זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן רֵייכֶערְן אִיז דִי וֶועג צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם זֵיי פָּארְהַאלְטְן דֶערוֹיף. דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן יוּנְגֶע קִינְדֶער וָואס פָּאלְגְן וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס, דָא רֶעדְט מֶען פוּן בָּחוּרִים וָואס דַארְפְן אַלֵיינְס מַחְלִיט זַיין צוּ גֵיין אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר מַאךְ דִיר צוּ דִי אוֹיגְן, דַארְפְסְט נִישְׁט זֶען יֶעדֶע זַאךְ; קוּק אוֹיף זַיינֶע מַעֲלוֹת, עֶר דַאוְונְט יֶעדְן טָאג שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, עֶר גֵייט יֶעצְט מְסַיֵים זַיין דִי ... מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶר רֶעדְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה וִוי רוֹב חֲסִידִי'שֶׁע בָּחוּרִים רֶעדְן לֵיידֶער, עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶר וִויל דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ מַאכְן. עֶר קוּמְט אַסַאךְ מָאל צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶר שְׁפִּירְט וִוי זַיין טַאטֶע הָאט צַעַר פוּן אִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר זוּכְט וִוי וֵויינִיגֶער אַהֵיים צוּ גֵיין, וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט מַאכְן צַעַר...

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ מִישׁ זִיךְ אַרַיין אִין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז לְתוֹעֶלֶת הָעִנְיָן נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ זֶע זַיין הַארְץ, זַיינֶע מִידוֹת אוּן זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן צוּלִיבּ אַפָּאר זַייטִיגֶע דְבָרִים נְטְפָּלִים וָואס עֶר וֶועט נָאךְ אוֹיסְוַואקְסְן אִם יִרְצֶה ה' לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל גוּטְס.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט נֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אַ פַּאזִיטִיוֶוע וֶועג.

[...

~~~~~~~~~~~

**פַארְוָואס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ דַארְף טוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיין טָאג הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעזֶען מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן, אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זֶע אוֹיס אַסַאךְ שֶׁענֶער מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן. מֵיין שְׁאֵלָה אִיז פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר
~~~~~~~~~~~

נִישְׁט גֶעזָאגְט פְּרִיעֶר אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְלֵייגְן דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ דִי צִיצִית פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מְ'קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, ס'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן, אִיךְ מַאךְ אֶפְּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קוּקְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן גֶעבּ אִיךְ אַ בְּלִיק, אוּן נָאכְדֶעם פִיל אִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

פוּן אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאג בְּדֶרֶךְ כְּלָל וֶוען אִיךְ דַארְף זָאגְן פַאר תַּלְמִידִים...

עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן: 1) אַ וֶועג פוּן פָארְהַאלְטְן - פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט דִי צִיצִית אוֹיף דִי קְלֵיידֶער? 2) זָאגְן מִיט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט - זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ'; וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה וְכוּ' דֶעמָאלְט נוּצְט מֶען דֶעם וֶועג פוּן פָארְהַאלְטְן וְכוּ', אָבֶּער לְכַתְּחִילָה אִיז דֶער צְוֵוייטֶע וֶועג גֶעשְׁמַאקֶער, זִיסֶער אוּן עֶס פּוֹעֵל'ט.

בְּעִנְיָן שְׁמִירַת עֵינַיִם; אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה, נָאר דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶועט מִיר! אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְגְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע! אִיךְ קוּק וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי אוּן מֵיידְל, רַאטֶעוֶועט מִיר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט וְכוּ', וְכוּ'"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי עֵצָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן גוּטֶע מִידוֹת; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר, דַיין הִתְנַהֲגוּת אִיז אוֹיסְנַאם גוּט. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישׁ'עֶ שְׁטוּבּ לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקֶן מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער מִיט דַיין מְלַמְּדוּת; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט ע"ב; שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - עוֹלָם וּמְלוֹאָהּ - שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר לֶערְנֶען; אוּן דָאס קֶען נָאר צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען דוּרְךְ מְלַמְּדִים וָואס זִיצְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי רֵיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן וַוייטֶער דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר - שְׁנַת ה'תש"פ; זָאלְסְט מִיר פְרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אִין שְׁרִיט וָואס אָנְבַּאלַאנְגְט דִי קִינְדֶער, מִיר אִיז דִי קִינְדֶער דִי וִוּיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.

לְעֵת עַתָּה וֶועט הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר זַיין אַחֲרָאִי אוֹיף אַלֶע פְּרָטִים אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל, זָאלְסְטוּ אִים שְׁטֵיין צוּ הִילְף בְּכָל פְּרַט וּפְרַט.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ זֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר אוּן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶנְדִיגְן דִי לֶעקְטֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ מְחַיֶ' צוּ זֶען ווִי דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים; דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט טָרוּד עַל הַמִחְיָ' וְעַל הַכַּלְכָּלָה, דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן בְּזֵעַת אַפֶּךְ זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דַיין מִשְׁפָּחָה - דָאךְ לֶערְנְסְטוּ פְלַייסִיג אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין דִי הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַבִּיסְל אִיבֶּערִיגֶע צַייט, צִי דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן דִי לֶעקְטֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין מֵיידְל קֶעמְפּ. מִיר גֵייעֶן דָאס נוּצְן בִּיז דֶערְוַוייל פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטֶעטְל וְכוּ', אוּן עֶס הֶענְגֶען וַוייעֶרְס, עֶס אִיז אַ מְסוּכָּן דָארְט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

דוּ גֶעדֶענְקְסְט אַוַדַאי דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט וֶוען דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דִי לֶעקְטֶער אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִין עֶס זַאל פַאר דִי חֲתוּנָה זַאל, דֶעמָאלְט בִּיסְטוּ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ קִינְד; מֶען הָאט גֶעזֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "בַּיי וֶועם אִיךְ נֶעם גֶעבּ אִיךְ"; בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶנְדִיגְן דִי לֶעקְטֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין מֵיידְל קֶעמְפּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין סַכָּנָה פַאר קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער אוּן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אָנְפִילְן דִי קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת ה' יִתְבָּרַךְ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר אוּן גֵיי וַוייטֶער אָן בַּעֲבוֹדָתְךָ הַקְדוֹשָׁה, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ פוּן מְלַמְדוּת; לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע קָאפּ, מֹחַ אוּן הַארְץ אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְצוּפוּלְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת ה' יִתְבָּרַךְ.

לְעֵת אַתָּה, בִּיז אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דֶעם פַּאסִיגְן מֶענְטְש אוֹיפְצוּנֶעמֶען פַאר אַ מְנַהֵל וְויל אִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַחֲרָאִי אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה; דוּ זָאלְסְט פִירְן דֶעם חֵדֶר אַזוֹי וְוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁטֵיין צוּ הִילְף מִיט וָואס דוּ דַארְפְסְט.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן צְוִוישְׁן דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער פוּן שְׁטֶעטְל; רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לִמּוּד, סִימָן ע): "צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים", מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים; וֶועסְטוּ זֶען וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע פֵּירוֹת דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

אַרַיינְלֵייגְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִי קִינְדֶער בַּיים דַאוֶוענֶען.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִי קִינְדֶער בַּיים דַאוֶוענֶען; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", אוּן ר' נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם) אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט: "בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא".

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ צוּזַאמֶענֶעמֶען דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען נֶעבְּן דִיר, לָאז דִי קִינְדֶער זִיצְן נֶעבְּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן זַיין פַאראַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף זֵייעֶר דַאוֶוענֶען. דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין צְוֵוי דְרֵיי מָאל בַּיי יֶעדֶע תְּפִלָּה אַרוּם דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעבְּן טִיקֶעטְס פַאר אַלֶע קִינְדֶער וָואס זִיצְן שֵׁיין נֶעבְּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן דַאוֶוענֶען אוֹיפְ'ן קוֹל.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין אוּן זִינְגֶען מִיט זֵיי אַלֶע זְמִירוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד – בַּיים רֶבִּי'ן – אִין אִידִישְׁקֵייט. מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ גוֹרָל אוֹיף פְּרָסִים אוּן סְפָרִים וְכוּ', וְכוּ'.

טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ נָאכְמַאכְן אִין שְׁטֶעטְל; לֵייג נִישְׁט צוּ אוּן נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ.
~~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

מִיטְהַאלְטְן דִי גְמָרָא שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט אֱמוּנָה; גֶעבּ אַ קוּק וָואס פַּאר אַ נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרע וַוייבּ תִּחְיֶ׳, נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶע׳לֶע, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט מִיט הַאלְטְן דֶעם גְמָרָא שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג; הָאבְּרֶךְ הַיָקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט פָּאר יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, עֶר לֶערְנְט דָאס פָּאר בְּטוּב טַעַם וָדַעַת; שֵׁיין, קְלָאר אוּן שְׁנֶעל. בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט צוּ הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר יֶעדֶע פַארְנַאכְטְס.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל מַסְכִּים זַיין אַוֶועק צוּ גֶעבְּן פוּן איר צַייט יֶעדֶע פַארְנַאכְטְס אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֵיין צוּם שִׁיעוּר.

אַז דוּ וֶועסְט מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ.

טְרַאכְט כְּאִילוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט פָּאר דֶעם דַף, דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ דָאךְ זִיכֶער גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### שִׁיקְן דִי מֶענֶער לֶערְנֶען.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אַלֶע וֶוייטָאגְן גֵייעֶן אַוֶועק וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ.

זַיי מְחַזֵק דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל גֵיין צוּם שִׁיעוּר יֶעדֶע אוֹיפְדֶערְנַאכְט; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג. פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אָבֶער אִינֶעם זְכוּת וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי מֶענֶער לֶערְנֶען אוּן זֵיי טוּעֶן זֵיי אָפְּוַוארְטְן - דוּרְכְדֶעם זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "אֲמַר לֵיהּ רַב לְרַבִּי חִיָּא: נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" אוֹיף וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן שְׂכַר, זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", פַארְן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן פַארְ'ן אָפְּוַוארְטְן דִי מֶענֶער בַּיים אַהֵיים קוּמֶען פוּן כּוֹלֵל וואוּ זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס נַחַת פוּן עֶנְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת אוּן אִיר זָאלְט זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל וִוי אַזוֹי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְפְן זִיךְ פִירְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן דִי לִימוּדִים פַאר "בֵּית פֵיגָא"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ' הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז אִיר אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אִיר לֵייגְט אַרַיין גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן דִי לִימוּדִים פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר פַאר "בֵּית פֵיגָא".
~~~~~~~~~~~

דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אַ דַאנְק פוּן מַיין הַארְץ אוּן אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ גֶעדֶענְקֶען מִתְפַּלֵל צוּ זַיין פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר מִשְׁפָּחָה יֶעדְן טָאג, וַוייל וֶוער עֶס הֶעלְפְט מִיר בִּכְלַל, וּבִפְרַט מִיט דִי מוֹסָד - דֶעם וֶועל אִיךְ צוּרִיק הֶעלְפְן אוּן אִינְזִין הָאבְּן בַּיי מַיינֶע תְּפִילוֹת. וַוייל דִי מוֹסָד אִיז דֶער שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן מַיינֶע אוֹיגְן; עֶס גֵייט מִיר בְּנַפְשִׁי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן עֶרְלִיכֶע אִידֶענֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**פְּרִישׁ דִיךְ אוֹיף.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַיֶּכָּה - וואוּ בִּיסְטוּ?! אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר! אִיךְ בֶּענְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר! אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אֲפִילוּ אַפָּאר שׁוּרוֹת - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ׳ זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר קוּם קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָארְט וֶועסְטוּ אוֹיס׳פּוֹעֶל׳ן יְשׁוּעוֹת שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

כַאפּ זִיךְ אָן בְּלִימוּד הַתּוֹרָה; לֶערְן יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַ דַף גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, תַּלְמוּד אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן אַ מֶענְטְשׁ בִּפְגַם הַבְּרִית, אוּן מִיט גְמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵל דִי קְלִיפָּה.

אַ שָׁאד אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אַרוֹיס אוּנְז בַּאזוּכְן אִין קֶעמְפּ - כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער; קוּם קוּקְן דִי יְשִׁיבָה וואוּ דוּ הָאסְט פַארבְּרֶענְגְט אַלֶע דַיינֶע יָארְן. דִי יְשִׁיבָה גֵייט אָן; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט יֶעדְן טָאג דְּרָשׁוֹת - פּוּנְקְט וִוי פַאר צֶען יָאר צוּרִיק, מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְרִישְׁקֵייט, מַמָּשׁ אַ גַן עֵדֶן!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע שְׁאֵלָה צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן דֶער נָאנְט.

אַז אַייעֶר טַעֲנָה אִיז אַז אִיר ווִילְט גֶעבְּן אַ רֵיינֶע חִינוּךְ פַּאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַייעֶר מַאנ'ס גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז מַה יֹּאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת, וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען וְכוּ', - אִיז כְּדַאי אַז אַייעֶר מַאן זָאל נָאכְגֶעבְּן כְּדֵי צוּ גֶעבְּן אַ רֵיינֶע עֶרְלִיכֶע חִינוּךְ פַּאר דִי קִינְדֶער.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו פַּאר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

...

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין ווַייבּ תִּחְיֶ'.

עֶס גֵייט אִין לֶעבְּן פַּאר דַיין ווַייבּ צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיר מְחַזֵק זַיין אוּן טוּן אִיר ווִילְן.

עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר, אוּן וָואס מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן דִיר אוֹיס פוּן דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן. דוּ דַארְפְסְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַּארְוָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיס גֶענוּמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּנֶעם מוֹסָד וְכוּ'; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, מִיר דַארְפְן גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַ רֵיינֶע חִינוּךְ וְכוּ'.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ נָאכְגֶעבְּן פַאר דַיין ווַייבּ אוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַ עֶרְלִיכֶע מוֹסָד ווָאוּ דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג ווִי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי זִיסֶע וֶועג פוּן לֶעבְּן מִיט דִי בְּחִינָה פוּן "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי)"; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס, "וְכֵן כָּל הָרוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה'", אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִי אֶפְשָׁר
~~~~~~~~~~~

לוֹ לִכְנֹס כִּי אִם עַל יְדֵי בְּחִינַת שֶׁיַּחֲשֹׁב שֶׁאֵין בָּעוֹלָם כִּי אִם הוּא לְבַדּוֹ יְחִידִי בָּעוֹלָם", עֶר זָאל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין', 'אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל שׁוּם אָדָם הֲמוֹנְעוֹ", אוּן עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶער וָואס שְׁטֶערְט אִים אוּן הַאלְט אִים אָפּ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר וָואס מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא אִיז דָאס נָאר דִי וַוייבּ"; וַוייל אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען נָאר חֲבֵרִים וִוי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

לֵייגְט אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ דָאס אַלֶעס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אִיז אֱמֶת; עֶר אִיז אַ מְנֻוָּל, אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ ה' יְרַחֵם. אַייעֶר קִינְד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אִים מְטַמֵּא רַחְמָנָא לִצְלָן - זָאלְט אִיר נִישְׁט שִׁיקְן מֶער דִי קִינְדֶער צוּ אִים, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיר דַארְפְט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען זֵייעֶר טַאטֶע אוּן רֶעדְן מִיט אִים נָאר וֶוען נָאךְ אֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט.

לֵייגְט אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן הוּנְט; נִישְׁט צוּרִירְן צִי הוּנְט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע טוּמְאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת דִין, סִימָן צב): "מִי שֶׁמְּגַדֵּל כֶּלֶב מְעוֹרֵר דִין", וֶוער עֶס צִיט אוֹיף בַּיי זִיךְ אַ הוּנְט בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ דִינִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

...

~~~~~~~~~~~

**אויב וֶועט איר זיך הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט איר מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד תַּלְמִידֵי הַיְקָרִים הַגָּרִים בְּ"קִרְיַת בְּרֶסְלֶב" לִיבֶּערְטִי נ.י. ה' עֲלֵיהֶם יִשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד.**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶנְק הַאלְטְן זִיךְ בְּאַחְדוּת, אִיר הֶעלְפְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן אִיר הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; אַז אִיר וֶועט זִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי פִירְן וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיר וֵוייסְט דָאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". ווַייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בִּילְד פוּנֶעם שִׁיעוּר גְמָרָא, עֶס הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאזְן אִין מִיר פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין. דָאס אִיז מַיין שְׁטְרֶעבְּן; אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין עֶנְק אִיר זָאלְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ הָאףְ צוּ זַיין בַּיי אַייךְ בְּקָרוֹב אוֹיף אַ שַׁבָּת זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף וֶוען דוּ הַאלְסְט שׁוֹין מַמֶשׁ בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה!**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס אַיינְגֶענוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין אִינֶעם פַּאלַאץ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מִילִיטֶער לַייט: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַאץ וַוייל עֶס אִיז דָא אַ שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְטְן (סְפֵּיידֶער וֶועבּ) בַּיים אַרַיינְגַאנְג"; דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה: "אִיז דָא
~~~~~~~~~~~

אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה פוּן דֶעם קֶעניג? הָאסְט דָאךְ אַלֶעס אַיינְגֶענוּמֶען, אוּן יֶעצְט וֶועגְן אַ קְלֵיין בִּיסְל שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְטְץ זָאלְסְטוּ אַלֶעס אָפְּלָאזְן?" דָאס זֶעלְבֶּע פְרֶעג אִיךְ דִיר: "דוּ בִּיסְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן טוּן וָואס עֶר הֵייסְט אוּנְז? דוּ וֶועסְט דָאךְ נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם!"

זַיי שְׁטַארְק אִין אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער - סַיי פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרָאפּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן מַמֶשׁ יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן זַיינֶע פֵּיאוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי?" דִי פְרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה אוֹיף דִי הֶענְט; וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, מִמֵילָא אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיינְס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת?" זֶעט מֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַארְ'ן שְׁלָאפְן גֵיין אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

פַאר דוּ גֵייסְט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן זֶע צוּ עֶסְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָה פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כַּךְ אֵיזֶה קַאפִּיטְלֶיךְ תְּהִלִים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", ווארויל אִיז דֶעם וָואס עֶסְט אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן טְרִינְקְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ תְּהִלִּים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ זָאגְן הַיינְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, וֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ גֶעפַאלְט אַם שַׁבָּת - אַזוֹי ווִי הַיי יָאר, זָאגְט מֶען דָאנֶערְשְׁטָאג יוֹם כִּיפּוּר קָטָן. עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַלֶעמֶען צוּ זָאגְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן הַיינְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן. הַיינְט אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, אַ טָאג פוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת מִיט דִי תְּפִילּוֹת פוּן אַלֶע אִידְן.

זָאג מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים ווַייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה; "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה - דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", דֶערְפַאר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זֶעט מֶען אַז אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז יֶעדֶער עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, ווַייל דָאס אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק צוּ זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ סְנוּד אָדֶער שְׁנִיעֶל אִיז נִישְׁט אַ חִסָּרוֹן אִין צְנִיעוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ אוּן קְלָאר גֶעזָאגְט מַיין מֵיינוּנְג, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן דָאס אוֹיךְ ווִיסְן.
~~~~~~~~~~~

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאגְט אַז אַ סְנוּד אָדֶער שְׁנִיעֶל אִיז אַ חִסָרוֹן אִין צְנִיעוּת, לְדַעְתִּי אִיז דָאס נִישְׁט אַ חִסָרוֹן אִין צְנִיעוּת, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוייניגֶער וִוי דֶעם טוּרְבַּאן וָואס דִי פְּרוֹיעֶן טְרָאגְן.

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז מֶען קֶען מֵיינֶען אוֹיף דִי פְּרוֹיעֶן וָואס טְרָאגְן דָאס אַז מֶען שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר - דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אַ פְּרוֹי וָואס שֶׁערְט דִי הָאר זֶעט מֶען דָאס אָן מִיטְ'ן סְנוּד אוּן אַ פְּרוֹי וָואס שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר זֶעט מֶען דָאס אָן מִיטְ'ן טוּרְבַּאן.

לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן הוּנְדֶערְטֶער הֵיימִישֶׁע פְּרוֹיעֶן מִיט טוּרְבַּאנְ'ס וָואס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר; אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן אֵייגֶענֶע הָאר מַאכְט מֶען תַּקָנוֹת נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט אַ בֶּענְדֶענֶע, סְנוּד אוּן שְׁנִיעֶל וְכוּ'.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא" גֵייעֶן אָפְּגֶעשׁוֹירְן; נִישְׁט סְתַּם אָפְּגֶעשׁוֹירְן - בִּכְפִּיָ', גֶעצְוְוּינְגֶענֶערְהֵייט, נָאר זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע זֶענֶען צְנִיעוּת'דִיג, זֵיי הָאבְּן לִיבּ "צְנִיעוּת" אוּן גְרוֹיסְן זִיךְ מִיט דֶעם; וַוייל מֶען לֵייגְט זֵיי דָאס אַרַיין פוּן דִי יוּגְנְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, זֵיי קוּקְן אוֹיף דֶעם וִוי אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, נִישְׁט וִוי אַ קְנַס, וִוי אַ יָאנְטְשִׁי זַאךְ וְכוּ'.

דָא אִין קֶעמְפּ אִיז אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַלֶע פְּרוֹיעֶן גֵייעֶן בִּצְנִיעוּת; מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט צְנִיעוּת.

עֶס אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב" - פְּרוֹיעֶן אָפְּטֵיילוּנְג, פוּן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶועט אִיר אַבִּיסְל הֶערְן וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה אוּן וָואס אַ "בֵּית פֵּיגָא" תַּלְמִידָה אִיז, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ פְּרוֹי ווָאוּ זִי פְרֶעגְט אוֹיבּ זִי קֶען זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה וַוייל זִי אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן נִישְׁט מִיט דֶעם חִינוּךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ שֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. זִי אִיז גֶעקוּמֶען דִי וָואךְ אִין קֶעמְפּ אוּן זִי רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז פְּרוֹיעֶן הָאבְּן אִיר פָארְגֶעהַאלְטְן וֶועגְן אִיר הָאר אוּן וֶועגְן אִיר צְנִיעוּת... זֶעט אִיר דָאךְ וָואס דֶער פְּלַאץ אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

### עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה עַל שֵׁם רַבֵּינוּ זַ"ל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד יְדִידִי הַיָּקָר וְהַנַּעֲלֶה הר"ר ... שְׁלִיטָ"א.**

לְנָכוֹן קִבַּלְתִּי מִכְתָּבְךָ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז כְּבוֹד מַעֲלָתוֹ וִויל נָאכְאַמָאל עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה עַל שֵׁם רַבֵּינוּ זַ"ל, וְעִקַּר הַמַּטָּרָה הוּא לְהַכְנִיס בְּתוֹךְ בַּחוּרֵי חֶמֶד דַּעַת רַבֵּינוּ זַ"ל וְעֵצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים אֵיךְ שֶׁיְּכוֹלִים לִזְכּוֹת לְהַרְגִּישׁ אֶת נוֹעַם זִיו חַיּוּת אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶת הַדֶּרֶךְ הַלִּימוּד שֶׁלּוֹ כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו.

עַל כֵּן בָּאתִי לְאַחֵל אֶת בִּרְכָתִי אַז כְּבוֹד מַעֲלָתוֹ זָאל זוֹכֶה זַיין לְהַצְלִיחַ עִם כָּל הַתַּלְמִידִים, וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נָאר גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה פוּן אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה).

הָעִקָּר תַּכְנִיס בָּהֶם אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶאֱמוּנַת חֲכָמִים, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּינוּ לְרַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: ""כְּשֶׁתִּכְתּוֹב בְּעִנְיַן "אֱמוּנָה" אוֹ "צַדִּיק" תַּרְחִיב אֶת הָעֵט"; כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל וְלָצֵאת מֵהַחוֹשֶׁךְ כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְקַרְבוּת אֶל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת אֲשֶׁר מְגַלֶּה אֱמוּנָתוֹ וַאֲמִתָּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

וִיהִי רָצוֹן שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם, אָמֵן.

בְּבִרְכַּת כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

חַבֶרְךָ וִידִידֶךָ.

...

~~~~~~~~~~~

### אַז אִיר ווילְט זַיין גוּט, זֶענְט אִיר אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת, אוּן וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם. בַּיי מִיר זֶענְט אִיר זֵייעֶר חָשׁוּב; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אִיר זֶענְט אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה. דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ פַארְדִינְגֶען בָּאנְגֶעלָאוּס פְרֶעגְט מִיר יֶעדֶע
~~~~~~~~~~~

מִשְׁפָּחָה צִי מֶען קֶען זֵיי פַארְדִינֶגְען אַ בָּאנְגֶעלָאו, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז פַאר מִשְׁפַּחַת ... מִיט זַיין ווייבּ זָאל עֶר זִיכֶער מַאכְן צוּ פַארְדִינְגֶען אַ בָּאנְגֶעלָאוּ.

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז אֵיינֶער הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט קַיין חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה "ווייל אִיר שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר"; אִיךְ וֵייס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט אַייךְ דָאס גֶעזָאגְט אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט ווִיסְן וֶוער דָאס אִיז, אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה ווייל אִיר ווִילְט זַיין גוּט אוּן אִיר זֶענְט גוּט.

בְּנוֹגֵעַ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר וְכוּ'; דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"ש'ס רָצוֹן, אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אוּן אִיז נִישְׁט מְסוּגָל אוֹיף דֶעם וְכוּ' וְכוּ' זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי הָאר זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעדֶעקְט. אָבֶּער מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוער עֶס שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר אִיז נִישְׁט אַ חֵלֶק פוּן קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; פַארְקֶערְט, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אוּן מִיר קוּקְן אוֹיף אַייךְ שֵׁיין, דִי וָואס מַאכְן מַחְלוֹקֶת אוּן זֶענֶען מְחַרְחֲרֵי רִיב - זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה אֲפִילוּ זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אוּנְטֶער דִי פִּיס אוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווִי וֶוער ווֵייסְט וָואס וד"ל.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר טוּט זִיךְ אָן בִּצְנִיעוּת; קוּקְטְס נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר ווייטֶער לֶעבְּן מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן בְּאַהֲבָה וּבְשָׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶענְט אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**פוּן שְׁלֶעכְטְס צוּ גוּט, אוּן פוּן גוּט צוּ בֶּעסֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ הָאסְט מִיר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הַתְמָדַת הַתּוֹרָה.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט לְטוֹבָה מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה זַייט דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה; זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מַה-דָאךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף גוּטְס הָאט דֶער רֶבִּי דִיר גֶעטוֹישְׁט אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פוּן גוּט צוּ נָאךְ בֶּעסֶער וֶועט דֶער
~~~~~~~~~~

רֶבִּי דִיר זִיכֶער טוֹיְשְׁן כְּסֵדֶר. אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן וַוייטֶער בַּאהָאפְטְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ אַלְץ וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער עַד אֵין סוֹף.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַאר דִי בָּחוּרִים יֶעדְן טָאג בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער; אִיךְ הָאף דִי וֶועסְט מַמְשִׁיךְ זַיין וַוייטֶער אִין שְׁטָאט בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט אַלֶעמָאל מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אַלֶע פְּרוּיעֶן, אַלֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט אַלֶעמָאל מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מֶער פַארְשְׁפִּילְט אוּן הֶערְן נִישְׁט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מֶער ווִילְד אוּן מֶער טַאנְצֶעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶענְדִיג, צוּ זֵיי דַארְף מֶען הָאבְּן מֶער סַבְלָנוּת. בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זֵיי.

וֶוען אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַפָּאר מִינוּט צַייט זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן מִיט אַ תְּהִלִּים, זָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער - אוֹיף יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ פַארְלוֹירֶענֶע, מַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן צוּמָאל שְׁלָאגְן וְכוּ', הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן, אִיךְ ווִיל זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אִיךְ ווִיל זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, אִיךְ ווִיל זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיט מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער. הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגֹאֲלִי".
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער קֵיין שׁוּם עֶלֶעקְטֶערַאנִישֶׁע שְׁפִּילְצֵייג; נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאנְס, גֶעים-בּוֹי"ס וְכַדוֹמֶה, וֶועט אִיר זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען מְ'פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיטְ'ן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֶען דֶעם חֶשְׁבּוֹן וויפִיל דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועִן צוּ לֶערְנֶען דֶעם יָאר, אַזוֹיפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ'.

אִיךְ שִׁיק דִיר צוּרִיק דֶעם בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט דָאס וַוייזְן פַאר דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; זָאלְן זֵיי זֶען נַחַת פוּן דִיר. וַוייז זֵיי דֶעם בְּרִיוו, דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וויפִיל תּוֹרָה דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט דֶעם יָאר - וֶועסְטוּ זֵיי מְחַיֶּ' זַיין.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - "שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען אַז דוּרְךְ אִים זָאלְן מֶענְטְשְׁן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוֹיבּ פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו, אַשְׁרֵי רַבּוֹ, שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן וואוּיל אִיז פַאר זַיינֶע רֶבִּי"ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. ווִידֶער פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען: "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה; קוּק ווִי שֵׁיין דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט זִיךְ אוֹיף, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיךְ בַּארִים זִיךְ מִיט דִיר". אָבֶּער דֶער וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן?
~~~~~~~~~~~

"אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְאָבִיו וּלְרַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וַויי פַאר אִים און וַויי פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן און רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט וְכוּ'; עַיֵּין שָׁם.

בְּנוֹגֵעַ עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶונֶען וְכוּ', דוּ ווילְסְט וויסְן וָואס צוּ טוּן מַחֲמַת דַיין רְגִילוּת צוּ עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶונֶען; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז דוּ זָאלְסְט דַאוֶונֶען גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף. גֵיי אִין מִקְוֶה, זוּךְ אַ מִנְיָן און שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶונֶען, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶונֶען, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן פט, סְעִיף ג).

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי דְרָשׁוֹת, עֵצוֹת און חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁאֵלָה מִיט דַיין טָאכְטֶער וְכוּ', וְכוּ'; גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ צֶערְטְלֶען (סְפּוֹילְן) דַיין טָאכְטֶער, ווִי מֶער מֶען צֶערְטְלְט זֵיי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג און מִיט נָאךְ פִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט; אַז מֶען זָאגְט "יָא" אִיז "יָא" און אַז מֶען זָאגְט "נֵיין" אִיז "נֵיין"; אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר זַייט וֶועלְן פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְפִירְן וְכוּ' אַז מֶען זָאל זֵיי נָאכְגֶעבְּן, דָאךְ דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט נָאכְצוּגֶעבְּן, דֶעמָאלְט וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג און כַאפּ זִיךְ בַּאצַייטְנְס; פַאל נִישְׁט אַריין אִין דֶעם טָעוּת הָעוֹלָם וָואס זָאגְן אַז "יוּנְגֶע קִינְדֶער" דַארְף מֶען נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, חִינוּךְ אִיז דַוְקָא בַּיי גָאר יוּנְגֶע קִינְדֶער פוּן דְרֵיי יָאר, פִיר יָאר און פִינְף יָאר; דֶעמָאלְט שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק דֶעם גְרוּנְד. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.
~~~~~~~~~~~

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין בַּחוּרִים אִין שְׁטוּבּ שְׁלָאפְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר פְרַאגֶע.

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא"ש בַּיי דֶעם עִנְיָן און אִיר וֶועט שׁוֹין וִויסְן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דֶעם ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה וָואס שְׁלָאפְט בַּיי מִיר; דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי תְּקוּפָה וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דֶעמָאלְט פְלֶעג אִיךְ נֶעמֶען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הֵיים זָאלְן שְׁלָאפְן בַּיי מִיר, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוִויזְן מִיט אַ שַׁארְפֶע פִינְגֶער און גֶעזָאגְט: "נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין בָּחוּרִים אִין שְׁטוּבּ שְׁלָאפְן"; נָאךְ יֶענֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ מְסַדֵר גֶעוֶוען פַאר זֵיי אַ דָארְמֶעטָארִי.

מִמֵילָא בַּיי אַייעֶר פַאל וָואס אִיר הָאט מֵיידְלֶעךְ אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַרַיינְצוּנֶעמֶען בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן; אִיז אוֹיבּ אִיר קֶענְט מְסַדֵר זַיין פַאר זֵיי אַ פְּלַאץ אִין בֶּעיסְמֶענְט וֶועט עֶס זַיין בֶּעסֶער און בַּאקְוֶועמֶער סַיי פַאר דִי בָּחוּרִים און סַיי פַאר אַייךְ און אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ", "יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, "וְיִשְׁמְרֶךָ בִּבְנוֹת", און דִיר אָפְּהִיטְן מִיט דַיינֶע מֵיידְלֶעךְ; אַז מֶען הָאט מֵיידְלֶעךְ דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין בִּצְנִיעוּת וּבִשְׁמִירָה.

פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז; בַּיי עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶ', מֶען קֶען דָארְט מְקַיֵים זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "וְהַמְּהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי", אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט; מֶען קֶען דָארְט שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~~

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט דִיר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן וְכוּ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד לֹא עָלֵינוּ.

קוֹדֶם זֶעסְטוּ אַז אִיר קֶענְט הָאבְּן קִינְדֶער, און אִיר וֶועט אִם יִרְצֶה ה׳ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא. אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק יֶעדְן טָאג און אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ הֶערְן בְּקָרוֹב גוּטֶע נֵייעֶס.

נֶעם דִיר דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר אַ חַבֶר׳טֶע; זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוֹיף אַ סֵדֶר און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן - זָאגְן תְּהִלִּים כְּסִדְרָן, אַבִּיסְל אָדֶער אַסַאךְ, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): ״הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל״, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס; נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

דַאנְק און לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר; דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס נִישְׁט וִוי גְלִיקְלִיךְ דוּ בִּיסְט, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם.

נָאכְאַמָאל, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן; פַארְקֶערְט, דַאנְק און לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נֵס וָואס עֶר הָאט דִיר אָפְּגֶעהִיטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה; אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאךְ זִיכֶער ס׳זָאל זַיין אַ קוּנְטְרֶס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" יֶעדֶע וָואךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער קוּנְטְרֶס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; עֶס אִיז מַמֶּשׁ אַ שָׁאד אַז דָאס זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן נָאכְדֶעם וָואס אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן חִיזּוּק פוּן דֶעם, בִּפְרַט בָּחוּרִים - זֵיי וַוארְטְן זַייעֶר אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז זַייעֶר גַאנְצֶע חִיזּוּק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר טַייעֶרְער ... גֵיי אָן מִיט דִי מִצְוָה וָואס מֶען הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶועזְן פוּן הִימְל; זֶע עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוֹן, וַוייל דִי תַּלְמִידִים וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט דִי אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם לֵיין מַאטְרַיאַל - זֵיי וַוארְטְן זַייעֶר אוּן קוּקְן אַרוֹיס יֶעדְן שַׁבָּת פַּאר דֶעם. דִי פְרוּיעֶן וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזְן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֵיינֶען וְכוּ׳ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרַ"ש וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צַייטוּנְג, מַאגַאזִינֶען וְכוּ׳, נֶעמֶען זֵיי דָאס מֶער נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, - זֵיי וַוארְטְן אוּן קוּקְן אַרוֹיס אַז דָאס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען וֶועכֶנְטְלִיךְ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה, קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחְמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְט׳ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי,

וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחְמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט פַּאר אַייעֶר זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ וֶועל אִים זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ אִים נָאךְ מֶער מְקָרֵב זַיין אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט אִים וֶועגְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי כִּתָּה לַהֲלָכָה; לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס בַּאפְלַייסְן זִיךְ אִין הֲלָכָה.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער גִיסְן טְרֶערְן, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; גָארְנִישְׁט קֶען אוֹיפְטוּן פַאר דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי תְּפִילוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ זִיכֶער צוּרִיק צָאלְן מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, וָואס אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי אַלֶע יָארְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי מוֹסְדוֹת, וּבִזְכוּת דָאס וָואס אַייעֶר מַאן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר בָּחוּר, צִי עֶר זָאל דְרֵייוְון וְכוּ'; אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**כאפּ זיך מִיט מִיטְ'ן בַּאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר, לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס גְמָרָא טוּט, גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

הַיינְט זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי סֵדֶר זְרָעִים; מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְיָאר זוּמֶער אִין קֶעמְפּ נָאכְאַמָאל יְרוּשַׁלְמִי אוּן יֶעצְט - אַ יָאר דֶערוֹיף הָאבְּן מִיר שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ סֵדֶר זְרָעִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר, כַאפּ זִיךְ מִיט, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא - וֶועסְטוּ זִיךְ בּוֹיעֶן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, אַ בַּ'יִ'תְ' נִצְחִי. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי דְרֵיי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג - בַּ'בְלִי, יְ'רוּשַׁלְמִי אוּן תּ'וֹסֶפְתָּא וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִ"תְ - דֶער בּוֹיט זִיךְ אַן אֵייבִּיגֶע הוֹיז.

בָּרוּךְ ה' דִי יְשִׁיבָה גֵייט אָן; הַיינְט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַכְט אַזֵייגֶער אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, כַאפּ זִיךְ אַרַיין אִין גַן עֵדֶן; קוּם אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה אָטֶעמֶען דִי רֵיינֶע הֵיילִיגֶע לוּפְט וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קֶעמְפּ; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְּן אִין אוּמַאן הַיי יָאר אַזוֹי וִוי דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן מִיט'ן דַאוֶועגְען; זָאלְסְט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען זִינְגֶען זֵיי זָאלְן שְׁטֵיין נֶעבְּן מִיר בַּיים דַאוֶועגְען הֶעלְפְּן זִינְגֶען דָאס דַאוֶועגְען אוּן דִי נִיגּוּנִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי מְלַמְּדִים; סַיי דִי מְלַמְּדִים פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אוֹיךְ פוּן שְׁטֶעטְל, וַוייל אִיךְ ווִיל מַאכְן חֵדֶר אִין אוּמַאן פַאר אַלֶע קִינְדֶער. מִיר פָארְן אִם יִרְצֶה ה' אַרוֹיס מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת נִצָּבִים אוּן מִיר קוּמֶען אָן דָאנֶערְשְׁטָאג נָאכְמִיטָאג, ווִיל אִיךְ מַאכְן חֵדֶר פְרַייטָאג אוּן אוֹיךְ זוּנְטָאג - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶועגְען צוּזַאמֶען, מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַבִּיסְל הֲלָכָה אוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, נָאכְדֶעם זָאלְן דִי מְלַמְּדִים גֵיין מִיט זֵיי צוּם צִיּוּן זָאגְן דִי עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ', וְכוּ'.

שְׁמוּעֶס זִיךְ אָפּ מִיט דִי מְלַמְּדִים - סַיי פוּן שְׁטָאט אוּן סַיי פוּן שְׁטֶעטְל, אָנְצוּגְרֵייטְן אַ פְּרָאגְרַאם; טִיקֶעטְס אוּן פְּרָסִים וְכוּ', אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן 'וֶועלְן' זַיין אִין שׁוּל אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְלוֹיפְן וְכוּ', וַוייל בַּיי מִיר אִיז דָאס דֶער עִיקָר: "דִי קִינְדֶער"; דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**רֶעדְן דִבּוּרֵי אֱמוּנָה מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק
~~~~~~~~~~~

(תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה"; ווי מֶער מֶען רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אַלְץ מֶער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

זָאלְט אִיר רֶעדְן אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה מִיט אַייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעך; יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן, ווילְן, בֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁען, זָאגְט זֵיי: "לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן"; אַזוֹי וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶעלֶעךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן בַּיי אַייךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה, אִיר וֶועט נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעטוּמְלְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַייךְ.

יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָארְט צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ גֶעפִינֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "ווי גוּט אוּן ווי פְרוּם אִיז צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי"; זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים - אוֹיף אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוֹיף אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר, - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן נָאךְ נִסִּים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הַאלְטְן טַייעֶר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר. דִי שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט אִיר אַסַאךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חָבֵר, הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט אִיר שֶׁעצְן אוּן לִיבּ הָאבְּן. פִיר זִיךְ אוֹיף ווי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.

וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ הָאט בְּרֵייט פַּרְנָסָה אוּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.
~~~~~~~~~~~

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַאוֶועֶנֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב וָואס דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעך אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיין גֶעפַאלְן אוֹיפְן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פִיס אוּן אִים גֶע'הַרְגֶ'עט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז 'עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן' דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרָע' וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן וִויל אִים הַרְגֶ'נֶען. וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי 'ג' פַּרְסָה', דָאס הֵייסְט זַיינֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, נֶעמְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אִים אוּן זָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל'.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת; אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט טְרֶעפְן אוּן רֶעדְן צוּ דִיר פָּנִים אֶל פָּנִים, אִיךְ הָאף אַז בַּיי דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׁיעוּר וֶועל אִיךְ דִיךְ טְרֶעפְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁטַאטֶעט אַ פְּלוּצְלִינְג'דִיגֶע בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווִי אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט פַאר דֶעם שִׁיעוּר אִין גְמָרָא בְּטוּב טַעַם וָדַעַת, אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי לַייכְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן.

בִּכְלָל אִיז דֶער לוּפְט אִינֶעם שׁוּל זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט; מֶען שְׁפִּירְט דָארְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם רֶבִּינְ'ס תְּמִימוּת, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד"
~~~~~~~~~~~

איר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, און דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, און דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דָאס אַז אִיר זָאלְט זֶען פוּן אַייעֶר זַייט - אִין וַוייבֶּער שׁוּל זָאל אוֹיךְ הֶערְשְׁן אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן און מֶען זָאל זוּכְן וִוי מֶען קֶען טוּן חֶסֶד צְוִוישְׁן זִיךְ, - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זִיךְ וַוייטֶער צוּזַאמְנֶעמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ - יֶעדְן דִינְסְטָאג וְכַדוֹמֶה - זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יְשִׁיבָה און חֵדֶר הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הַיינְט מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, מִיט אַ הִתְחַדְּשׁוּת אַזוֹי וִוי פַאר עֶלְף יָאר צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַרָאפּ דֶעם סֵדֶר הַיּוֹם, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וֶועלְן אַבִּיסְל טְרִינְקֶען פוּנֶעם קֶוואל פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ, הֶערְן דִיבּוּרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ קֶענֶען מִיט הַאלְטְן.

אַכְט אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי שִׁיעוּרִים; מִיר לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא בַּבְלִי יֶעדְן טָאג, זוּנְטָאג אִיז דָאס אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער, אָבֶער אַלֶע טֶעג פוּן דִי וָואךְ קוּמְט דִי שִׁיעוּר פָאר אִם אַכְט אַזֵייגֶער, דֶעם שַׁבָּת'דִיגְן דַף לֶערְנְט מֶען מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ גְלַייךְ נָאכְ'ן זְמַן.

בְּעֶרֶךְ אַכְט דְרַייסִיג - גְלַייךְ נָאכְ'ן בְּלַאט גְמָרָא לֶערְנְט מֶען אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי; הַיינְט הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּים צוּ זַיין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי - סֵדֶר זְרָעִים, מָארְגְן הֵייבְּן מִיר אָן יְרוּשַׁלְמִי סֵדֶר מוֹעֵד, מַסֶּכֶת שַׁבָּת.
~~~~~~~~~~~

נָאךְ דִי צְוֵויי שִׁיעוּרִים גֶעבּ אִיךְ אַ שְׁמוּעֶס פַאר אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים; עֵצוֹת אוּן חִיזוּק ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע מְלַמֵּד. מְלַמְּדִים דַארְפְן יֶעדְן טָאג הֶערְן חִיזוּק, וַוייל זֵייעֶר אַמְת אִיז זֵייעֶר אַן אַחְרַיוּת'דִיגֶער.

צֶען אַזֵייגֶער דַאוֶּוענֶען מִיר שַׁחְרִית, נָאכְדֶעם לֶערְנֶען דִי בָּחוּרִים - יעדער פאר זיך - זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים; חוּמָשׁ רַשִׁ"י, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; נָאכְדֶעם צְוֵויי אַזֵייגֶער אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא רַשִׁ"י בִּיז הַלָּכָה. דְרֵיי אַזֵייגֶער דַאוְונְט מֶען מִנְחָה אוּן פוּנְף אַזֵייגֶער קוּמְט פָאר דִי שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, גֶעפְלָאכְטְן דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִין דְרֵיי וָואכְן אַרוּם פָארְן מִיר שׁוֹין קַיין אוּמַאן; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען, דוּ וֶועסְט צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווְאוּנְדֶער אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, אוּן זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ וֵוייס וָואס אִיז 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', אוּן נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בֶּעפָאר דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק - שְׁנַת תקע"א, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט אִיבֶּער לָאזְן זַיין קְהִילָה, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַארְהַאנֶען, אֵיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע יוּדְן זָאגְן נִיט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז וֶוען דֶער רֶבִּי וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער נִישְׁט צוּ פָארְן; וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ פָארְן, עֶס אִיז

שְׁוֶוער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת וְכוּ׳, אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען דַארְף מֶען גֵיין מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~